**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/17/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט שותפות מיט CODE FOR AMERICA און IRS אויף נייע סארט כלי צו העלפן ניו יארקער פיילן טעקסעס דירעקט פאר אומזיסט**

***אנגעהויבן אין 2024, וועט די נייע כלי ערלויבן פאר בארעכטיגטע ניו יארקער צו פיילן מיט רעגירונג פריי פון אפצאל***

***טייל פון IRS'ס פעדעראלע Direct File פראבע פראגראם צו מאכן דאס פיילן טעקס מער איינפאך, ערמעגליכט בעסערע און מער גערעכטע צוטריט צו ריפאָנדס פאר פאמיליעס מיט נידעריגערע איינקונפט און פארברייטערט טעקס פיילינג אפציעס***

***בויט ארויף אויף גאווערנער'ס צוזאג אין 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע צו מאכן רעגירונג ארבעטן בעסער פאר ניו יארקער דורכן פארגרינגערן צוטריט צו רעגירונג בענעפיטן און סערוויסעס***

***מער אינפארמאציע איז פארעפנטליכט [דא]()***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז ניו יארק סטעיט וועט אריינגיין אין א שותפות מיט Code for America צו באשאפן א 'דירעקט פיילינג' כלי – די ערשטע פון דעם סארט – צו העלפן בארעכטיגטע ניו יארקער צו פיילן זייערע טעקסעס אויף אן עלעקטראנישן אופן מיט די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון שטייערן און פינאנץ (Department of Taxation and Finance) פאר אומזיסט. די אנאנס פאלגט נאך א מעלדונג פון די אינערליכע פארדינסטן סערוויס (Internal Revenue Service, IRS) אז ניו יארק – און אזוי אויך אריזאנע, קאליפארניע און מעסעטשוסעטס – וועלן צוזאמשטעלן די סטעיט'ס עלעקטראנישע פיילינג כלים צוזאמען מיט די IRS'ס פעדעראלע עלעקטראנישע פיילינג כלים אלס טייל פון א באגרעניצטע פראבע, אנגעהויבן אין 2024.

"א דאנק די שותפות – די ערשטע פון איר סארט – מאכט ניו יארק א גרויסע טריט פאראויס אין ריכטונג פון מאדערניזירן אונזער שטייער סיסטעם און דאס מאכן נאך גרינגער פאר ניו יארקער צו צוקומען צו זייערע שטייער בענעפיטן", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "עס קומט נישט פאר קיינעם צו דארפן דורכשוויצן קאמפליצירטע פראצעדורן אדער צו צאל פון זייער אייגענע קעשענע כדי צו פיילן זייערע טעקסעס, און אנגעהויבן פון קומענדיגע יאר, טוהען מיר אויסשטאטן ניו יארקער מיט א נייע, פארגרעשריטענע, אומזיסטע כלי צו גיבן פאר שטייער-באצאלנדע בירגער מער אויסוואלן וויאזוי צו פיילן. איך בין געוואלדיג שטאלץ אז ניו יארק וועט זיין צווישן די ערשטע סטעיטס אין דאס לאנד צו אונטערנעמען די דייטליכע טריט, און איך קוק ארויס צו די אנגייענדע צוזאמענארבעט מיט אונזערע שותפים ביי די IRS און ביי Code for America צו זיכער מאכן אז ניו יארקער קענען ארויסבאקומען דאס מערסטע פון די נייע כלי איינמאל עס קומט ארויס."

די ניו יארקע פיילינג סאפטוועיר פאר 2024 וועט געשריבן ווערן דורך Code for America, די פירנדע בירגערליכע טכנאלאגישע נאָן-פראַפיט ארגאניזאציע וואס ארבעט מיט קאמיוניטי פירער און רעגירונג צו בויען גערעכטע, צוגענגליכע דיגיטאלע כלים און סערוויסעס. איינמאל עס וועט דורכגעפירט ווערן וועלן בארעכטיגטע ניו יארקער קענען עלעקטראניש פיילן זייערע סטעיט און פעדעראלע טעקס ריטוירנס מיט די סטעיט און פעדעראלע שטייער אויטאריטעטן צוזאמען פאר אומזיסט, אן דארפן צוקומען צו פראפעסיאנאלע שטייערן מבינים, שטופנדיג פאר בעסערע און מער גערעכטע צוטריט צו טעקס ריפאָנדס – באזונדערס פאר פאמיליעס מיט נידעריגערע איינקונפט – און מאכנדיג די טעקס פיילינג פראצעדור גרינגער פון סיי ווען אין די פארגאנגענהייט.

**צייטווייליגע קאמישאנער פון די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון שטייערן און פינאנץ, אמענדע הילער, האט געזאגט**, "איך בין באגייסטערט צו ארבעטן מיט די IRS אויף דעם וויכטיגן פראיעקט. די לעקציעס וואס מיר וועלן זיך אפלערנען פון די ערשטיגע פראבע וועלן העלפן זיכער מאכן אז Direct File, איינמאל עס איז פולשטענדיג אין באנוץ, וועט נאכקומען די באדערפענישן פון ניו יארקע שטייער-באצאלנדע בירגער. דאס איז ווירקליך די צוקונפט פון שטייער באהאנדלונג, מיט די רעגירונג צושטעלנדיג א באקוועמע, פארלעסליכע און אומזיסטע טעקס ריטוירן פיילינג סערוויס."

**CEO o'Code for America, אמענדע רענטעריא, האט געזאגט**, "IRS Direct File האט די כוח צו טראנספארמירן צוטריט צו די שטייער סיסטעם, מאכנדיג דאס פיילן טעקסעס מער איינפאך און מער גערעכט פאר שטייער-באצאלנדע בירגער. דאס איז די סיבה פארוואס Code for America איז באגייסטערט צו ארייננגיין אין א שותפות מיט ניו יארק – א לאנגיאריגע פירערין ווען עס קומט צו שטופן פאר א יושר'דיגע און גערעכטע שטייער סיסטעם פאר יעדן – כדי צו זיכער מאכן אז שטייער-באצאלנדע בירגער וועלכע פיילן מיט די IRS Direct File אויספרובירטע סיסטעם האבן א גרינגע און אומזיסטע לייזונג פאר זייערע סטעיט שטייערן. די כלי וועט זיכער מאכן אז בארעכטיגטע איינוואוינער פון די 'עמפייער סטעיט' קענען צוקומען צו די ביליאנען דאלאר אין סטעיט שטייער בענעפיטן וואס קומען זיך זיי."

ניו יארק'ס שותפות מיט Code for America שפיגלט אפ א פארשפרעכנדע נייע צוגאנג צו אויסגלאטן די סטעיט טעקס פיילינג, ארויפבויענדיג אויף די סטעיט'ס פירנדע ארבעט צו מאדערניזירן סטעיט שטייער אינפראסטרוקטור. די שותפות בויט ארויף אויף גאווערנער האקול'ס צוזאג אין די 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע פון 2023 צו מאכן רעגירונג ארבעטן בעסער פאר ניו יארקער דורכן פארגרינגערן צוטריט צו וועזנטליכע רעגירונג בענעפיטן און סערוויסעס.

די ניו יארק דעפארטמענט פון שטייערן און פינאנץ וועט ארבעטן פון די נאענט צוזאמען מיט Code for America'ס מאנשאפט פון עקספערטן צו אנטוויקלען די סטעיט'ס עלעקטראנישע פיילינג כלי'ס פארנעם, סאפטוועיר און מעגליכקייטן. אין איינקלאנג מיט די פלענער וועלכע זענען פארגעלייגט געווארן דורך די IRS, וועלן בארעכטיגטע שטייער-באצאלנדע בירגער האבן די אפציע צו מיטטיילן זייער פעדעראלע ריטוירן אינפארמאציע מיט דריטע-פארטיי סטעיט פיילינג סאפטוועיר נאך זיי האבן פארענדיגט זייערע פעדעראלע ריטוירנס נוצנדיג Direct File. אין ניו יארק וועלן באניצער פון Direct File קענען מיטטיילן זייער פעדעראלע אינפארמאציע מיט די פיילינג כלי וואס איז געבויט געווארן דורך Code for America. Code for America וועט צוגרייטן רוב פון די סטעיט'ס ריטוירנס נוצנדיג די פעדעראלע ריטוירן אינפארמאציע, און רוב שטייער-באצאלנדע בירגער וועלן נישט דארפן ענטפערן מער פון אפאר איינפאכע פראגן צו אויספילן זייער ניו יארקע טעקס ריטוירן.

עקזיסטירנדע אפציעס פאר אומזיסטע פיילינג סערוויסעס פאר ניו יארקער מיט נידעריגע איינקונפט בלייבן ווייטער אין פלאץ. פאר מער אינפארמאציע איבער סערוויסעס וואס זענען דא צו באקומען, זעהט: [https://www.tax.ny.gov/pit/efile/](https://www.tax.ny.gov/pit/efile/)

**סענאטאר טשאק שומער האט געזאגט,** "די צוזאמענארבעט – די ערשטע פון דעם סארט – איז א מערכטיגע זיג פאר שטייער-באצאלנדע בירגער אריבער ניו יארק סטעיט. אין די צייט וואס אונזערע פאמיליעס מיט נידעריגערע איינקונפט מוטשענען זיך צו באצאלן די בילס, דארף די לעצטע זאך איבער וואס זיי זאלן זיך דארפן זארגן נישט זיין די קאמפליצירטע דעטאלן פון דעם טעקס פיילינג פראצעדור אדער צו צוקומען צו זייערע טעקס ריפאָנדס. מיט די נייע דירעקטע פיילינג כלי וועלן בארעכטיגטע ניו יארקע שטייער-באצאלנדע בירגער קענען איינשפארן מיליאנען אין יערליכע עלעקטראנישע פיילינג באצאלונגען דורכן פיילן דירעקט מיט די רעגירונג פריי פון אפצאל. איך לויב אויס גאווערנער האקול פאר איר איבערגעגעבנקייט צו מאכן רעגירונג ארבעטן בעסער פאר ניו יארקער, און איך בין שטאלץ צו העלפן פארבעסערן די צוטריט צו די קריטישע רעגירונג בענעפיטן און סערוויסעס."

**סענאטארשע קירסטען דזשיליבראנד האט געזאגט,** "די באגייסטערנדע שותפות איז א וויכטיגע טריט אויף פאראויס ביים פארברייטערן טעקס פיילינג אפציעס פאר ניו יארקער. דאס ארייננגיין אין א שותפות מיט Code for America וועט מאכן דעם טעקס פיילינג פראצעדור מער איינפאך און עס וועט ברענגען מער גערעכטע צוטריט צו טעקס ריפאָנדס פאר פאמיליעס מיט נידעריגערע איינקופט. איך בין שטאלץ צו שטיצן די שותפות און גאווערנער האקול'ס פארפליכטונג צו פארגרינגערן צוטריט צו וועזנטליכע רעגירונג בענעפיטן און סערוויסעס."

**קאנגרעסמאן דזשעראלד נעדלער האט געזאגט,** "פיילן טעקסעס דארף זיין איינפאך און צוגענגליך, און די היינטיגע אנאנס וועט מאכן דעם פיילינג פראצעדור גרינגער פון סיי ווען אין די פארגאנגענהייט פאר ניו יארקער. דער פראגראם וואלט נישט מעגליך געווען אן די קאנגרעס דעמאקראטן'ס ארבעט צו אריבערפירן דעם 'אינפלאציע רעדוקציע אקט' וואס האט צוגעשטעלט פאר די IRS די נויטיגע פינאנצירונג צו קענען מאדערניזירן אירע אפעראציעס און ארויסשטעלן נייע איניציאטיוון ווי Direct File צו איינשפארן דאלארן פון שטייער באצאלער."

**קאנגרעסמאן ברייען היגינס האט געזאגט,** "א דאנק די שותפות מיט Code for America, שפאנט ניו יארק סטעיט איין נייע טעכנאלאגיע וואס וועט העלפן פאמיליעס זיך איינשפארן צייט און געלט דורכאויס דעם שטייער סעזאן. צוזאמען מיט שניטן אין די פרייזן פון פארשריבענע מעדיצינען און רעדוקציעס אין די קאסטן פון היים ענערגיע, לייגט די איניציאטיוו ארויף נאך א סעיף אויף די ליסטע פון וועגן וויאזוי דער 'אינפלאציע רעדוקציע אקט' שפארט איין געלט פאר מענטשן."

**קאנגרעסמאן דזשאמאל באומען, Ed.D, האט געזאגט,** "עס קומט נישט אז פאמיליעס פון די ארבייטער קלאס זאלן דארפן פארברענגען אסאך צייט אדער אויסגעבן באזונדערע געלט כדי צו פיילן זייערע טעקסעס. דאס זיך אפגעבן מיט אייערע שטייערן דארף נישט זיין א פראצעדור פון וואס יעדער דארף מורא האבן. אונזערע רעגירונג אגענטורן קענען און דארפן דאס מאכן איינפאכער, און דאס איז געַנוי וואס גאווערנער האקול'ס נייע כלי וועט טוהן. ניו יארקער וועלן יעצט קענען פיילן דירעקטערהייט און שנעלערהייט, און דאס איז בעסער פאר יעדן איינעם — פאר די שטייער-באצאלנדע בירגער און פאר די רעגירונג צוגלייך. איך בין שטאלץ צו זעהן אונזער סטעיט מאכנדיג דעם טעקס פיילינג פראצעדור גרינגער פאר מיליאנען אמעריקאנער."

**קאנגרעסמאן פעט רייען האט געזאגט,** "פאר שווער-ארבעטנדע האדסאן וואלי פאמיליעס, דארף דאס נישט זיין א ווייטאג אדער אן אויסגאב צו פיילן טעקס. עס איז א שכל'דיגע לייזונג וואס וואלט שוין לאנג געדארפט געמאכט ווערן כדי ניו יארקער זאלן קענען פארברענגען זייערע סוף וואכן מיט זייערע פאמיליעס אנשטאט דארפן זיין אנגעצויגן איבערן פיילן זייערע טעקסעס. איך וועל פארזעצן צו ארבעטן מיט גאווערנער האקול צו טרייבן פאר לייזונגען וועלכע באפולמעכטיגן ערפינדער, ברענגען פארלייכטערונג און פארזיכערן אז רעגירונג ארבעט פאר ניו יארקער."

**באַרעכטיגונג קריטעריאַנען**

די באַרעכטיגונג קריטעריאַנען פאַר ניו יאָרק'ס דירעקטע פּיילינג כּלי וועט בעיקר ווערן באַשטימט דורך די IRS אַלס טייל פון די ערשטיגע פּראָבע פון דעם פעדעראַלן Direct File. די IRS ערוואַרט אַז די באַרעכטיגונג זיך צו קענען באַנוצן דערמיט וועט וואַרשיינליך זיין באַגרעניצט צו שטייער-באַצאָלנדע בירגער וועלכע באַריכטן געוויסע סאָרטן איינקונפט און וועלכע ווילן באַקומען געוויסע סאָרטן קרעדיטס און צופּאַסונגען. די פּאַרנעם פון וויפיל די פּראָבע וועט דעקן קען זיך נאָך טוישן, אָבער די IRS ערוואַרט יעצט אַז שטייער-באַצאָלנדע בירגער וועלן קענען אַריינלייגן זייער אינפאָרמאַציע איבער די פאָלגנדע טעקס סעיפים:

- **באַריכטן איינקונפט:** W-2 געהאַלט איינקונפט, סאָושעל סעקיוריטי און באַן-רעלסן אַרבייטער איינקונפט, אָנעמפּלאָימענט (אַרבעטסלאָזיגקייט) פאַרגוטיגונג, אינטערעסט (ריבית) פון $1,500 אָדער ווייניגער
- **קרעדיטס:** פאַרדינטע אינקאָם טעקס קרעדיט, טשיילד טעקס קרעדיט, קרעדיט פאַר אַנדערע וואָס זענען אָנגעוויזן אויף אייך (דיפּענדענטס)
- **דידאַקשענס (אַראָפּרעכענונגען):** סטאַנדאַרט דידאַקשען, סטודענט הלוואה אינטערעסט, אויסגאַבן פון מחנכים

די ניו יאָרק רעגירונג און Code for America וועלן אַרויסלייגן מער אינפאָרמאַציע איבער באַרעכטיגונג אין די קומענדיגע חדשים בעפאַר די פּראָבע עפנט זיך.

**IRS Direct File פּראָבע פּראָגראַם**

דער 'אינפלאַציע רעדוקציע אַקט' פון 2022 האָט געגעבן פאַר די IRS לאַנג-טערמיניגע פינאַנצירונג פאַר די אַגענטור צו טראַנספאָרמירן אירע אָפּעראַציעס און צו פאַרבעסערן סערוויס פאַר שטייער באַצאָלער, אינפאָרסירונג און טעכנאָלאָגיע. פּראָיעקטן ווי Direct File שפּיגלען אָפּ אַ ציהל פון די IRS סטראַטעגישע אָפּעראַציע פּלאַן צו גיבן פאַר שטייער-באַצאָלנדע בירגער אויסוואַהלן אין די וועג וויאַזוי זיי קומען אין באַרירונג מיט די שטייער אַגענטור. דאָס רעכנט אַריין אויסוואַהלן איבער וויאַזוי זיי גרייטן צו און פּיילן זייערע טעקסעס, אַפּגעזעהן צי עס איז דורך אַ שטייער פּראָפעסיאָנאַל, קאָמערציעלע טעקס פּיילינג סאָפטוועיר אָדער אומזיסטע פּיילינג אָפּציעס. Direct File איז נאָך איין אָפּציע וויאַזוי צו פּיילן אַ פעדעראַלע טעקס ריטוירן.

זינט די Direct File באַריכט איז אַרויסגעקומען אין מאַי האָט די IRS געאַרבעט צו אַנטוויקלען אַ באַגרעניצטע פּראָבע פאַר דעם בעפאַרשטייענדן פּיילינג סעזאָן, זייענדיג ספּעציעל אויפמערקזאַם איבער אַנגעלעגנהייטן וועלכע זענען אויסגערעכנט געוואָרן אין די באַריכט אין פאַרבינדונג מיט קאַסטומער סופּאָרט און סטעיט שטייערן. די פּראָבע פּראָגראַם אויף אַ באַגרעניצטע פּאַרנעם וועט ערלויבן די IRS צו באַקומען אַ בליק איבער די קאָסטן, בענעפיטן און אָפּעראַציאָנאַלע שוועריגקייטן וואָס זענען פאַרבינדן מיטן צושטעלן אַ פּרייוויליגע Direct File אָפּציע פאַר שטייער-באַצאָלנדע בירגער.

ניו יאָרק, אַריזאָנע, קאַליפאָרניע און מעסעטשוסעטס וועלן אַרבעטן מיט די IRS פאַר די ערשטיגע אַריינבערענגונג פון סטעיטס אין די Direct File פּראָבע אין 2024. שטייער-באַצאָלנדע בירגער אין ניין אַנדערע סטעיטס וואָס האָבן נישט קיין אינקאָם טעקס – אַלאַסקע, פלאָרידע, ניו העמפּשיר, נעוואַדאַ, סאַוט דעקאָטע, טענעסי, טעקסאַס, וואַשינגטאָן און ווייאָמינג – קענען אויך זיין באַרעכטיגט זיך צו באַטייליגן אין די פּראָבע.

**איבער Code for America**

Code for America איז געווען אויף די סאמע פראנט פון די ארבעט צו מאכן די שטייערן פראצעדורן מער איינפאך אין אמעריקע, האבנדיג ערפאלגרייך ארויסגעקומען מיט טעקס פיילינג פראגראמען צו זיכער מאכן אז מענטשן אין אמעריקע באקומען די בענעפיטן וואס קומען זיך זיי. ארבעט אין די פעלד רעכנט אריין:

- GetCTC, א פשוט'ע פיילינג כלי וואס האט ערמעגליכט פאמיליעס מיט נידעריגערע איינקונפט צו עלעקטראניש פיילן מער געשליפענע ריטוירנס, נוצנדיג די טשיילד טעקס קרעדיט און אנדערע שטייער בענעפיטירט דורכאויס די קאוויד-19 פאנדעמיע. אין 2021 און 2022 האבן נאענט צו 200,000 פאמיליעס אויסגענוצט א געשאצטע 685 מיליאן דאלאר אין קרעדיטס און בענעפיטן נוצנדיג GetCTC.
- GetYourRefund, אן אנליין סערוויס וואס ערלויבט שטייער-באצאלנדע בירגער צו צוקומען צו וואלונטיר אינקאָם טעקס הילף (Volunteer Income Tax Assistance, VITA) סערוויסעס פונדערווייטנס בשותפות מיט כמעט 100 לאקאציעס אריבער דאס לאנד.

Code for America'ס בענעפיטן איינשרייבונג פארשונג האט געפונען אז סטעיט אגענטורן אין 'רויטע' און 'בלויע' סטעיטס צוגלייך נעמען אן כלים, דיגיטאלע טעכנאלאגיעס און סטראטעגיעס צו מאכן די בענעפיטן און סערוויסעס מער געשליפן און מאדערן פאר מיליאנען מענטשן אריבער דאס לאנד.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418